שיעורי כ"ק אדמו"ר מפנים מאירות דסיקסא שליט"א
פרשת טהרה-הגדול תשפ"ד // שנה ה' // גליון ר"ו

# א ליכטיגן תמיד

אידיש

פנים מאירות

אננעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך **א**מונה **ש**לום **ב**טחון און **ש**מחה

מדור זה נתנדב ע"י
**הרה"ג ר' יואל ווייס שליט"א**
**חדב"ן כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**
עורך ראשי של המערכת
**לרגל השמחה במעונו בהולדת בנו למז"ט.**
זכות המצוה יעמוד לו ולזרעו, שיראה זרע בירך ה', עושר ואושר ברוחניות ובגשמיות, וכל טוב סלה
**צו מנדב זיין רופט: 845-502-1990**

## אינהאלט

**אור הבוקר** – לקדש על היין – מטשטש זיין די מח, אוועקווארפן די 'כוחי ועוצם ידי' אויף א גלעזעלע וויין // געדענקן מיר באלאנגן נישט צווישן די גוים // נישט קיין חמץ און אוודאי נישט קיין כעס!

**אור לנתיבתי** – הדרכה פארן סדר נאכט אין קורצן

**פרקי חינוך פרק ל"ו חלק ג'** – **יסוד ג:** ברא כרעיה דאבוה - **הנושא:** זיי מסביר פארן קינד אז דיין מיינונג איז זיין מיינונג, און ער האט נאכנישט קיין זעלבסשטענדיגקייט, אויף אן אופן וואס דאס קינד זאל דאס פארשטיין - קינדער שפירן זיך זעלבסשטענדיג / אפשטעלן אויפן פלאץ – קיין מהלך / זיי כסדר מסביר פארן קינד אז זיין שטאנד יעצט איז צו זיין א מקבל פון די מחנכים / 'איך' בין 'דיר' / ענדיג די שמועס מיט א שטארקייט

# אור הבוקר

טעימה קלה פון די 'לעכטיגע גוט מארגן - אשב"ש' שמועסן

**א גוט מארגן, א פרייליכן און א לעכטיגן געבענטשטן גוט מארגן, א פרייליכן און א לעכטיגן געבענטשטן טאג, און א פרייליכן און א לעכטיגן געבענטשטן תמיד.**

## לקדש על היין - מטשטש זיין די מח, אוועקווארפן די 'כוחי ועוצם ידי' אויף א גלעזעלע וויין

אין די הגדה של פסח מיטן פירוש 'בית יעקב' פונעם אישביצער, האב איך געזען א הפלא'דיגע רעיון. פארוואס האבן די חז"ל מתקן געווען, אז מען מאכט קידוש יעדן שבת על היין, זכרהו על היין, זאגט די גמרא אין פסחים קו. יעדע דבר של שמחה, אין אומרים שירה אלא על היין, וואס איז פשט דערפון? זאגט ער א מורא'דיגע זאך, און ער גייט בעיקר ארויף אויף שבת, אבער דאס קען שטימען ביי אלע ימים טובים, און אלע זמנים, ווען מען דארף זאגן שירה פארן אייבערשטן.

זאגט ער אזוי, א מענטש ווען ער ארבעט א גאנצע וואך, ששת ימים תעשה מלאכה, מען ארבעט, מען איז עוסק אין פרנסה, אין די טירדות הוויות העולם הזה. די טבע פון א מענטש איז, אז ערגעץ ווערט מען שטעקן מיט די 'כוחי ועוצם ידי', ערגעץ אינדערמיט קומט אריין, ווי א מענטש הייבט אן טראכטן, 'איך דארף דאס טון' און 'איך האב געטון' און 'איך האב מצליח געווען', עס קומט אריין די 'כוחי ועוצם ידי'.

עס קומט שבת קודש. שבת קודש דארף דאך זיין 'כאילו מלאכתו עשייה', ושמרו בני ישראל את השבת, ויכלו השמים והארץ, מען איז מעיד אז דער הייליגער באשעפער האט באשאפן שמים וארץ, מען איז זיך מבטל, מען געבט אויף דעם 'כוחי ועוצם ידי'. דו ווייסט וויאזוי א איד ווייזט עס - זאגט דער אישביצער? מען נעמט ווייז, וואס איז משבש די מח, עס פארדרייט די קאפ, מען קען נישט געהעריג טראכטן. א מענטש ווען ער טרינקט וויין, טאר ער נישט פסק'ענען. די כהנים האבן נישט געטארט טרינקען קיין וויין. מען טרינקט וויין, און מען זאגט: "רבוש"ע, איך האב גארנישט, איך בין כולו בידך, מיין גאנצע עבודה פון א גאנצע וואך, אלע מיינע שכל, און אלעס וואס איך האב געמיינט... איך בין עס מבטל בביטול הגמור, איך טרינק א גלעזל וויין, און איך בין מטשטש מיין מח, איך האב נישט קיין שום 'כוחי ועוצם ידי', איך בין אינגאנצן בטל פאר דיר!...

די זעלבע זאך איז, ווען א איד מאכט א שמחה, איז דאך אלס אויך אזוי. מען מאכט א שמחה, קען מען אמאל א מענטש אריינקומען אין א שטיקל 'כוחי ועוצם ידי'. איך האב זוכה געווען, איך האב געטון, איך האב געדאווענט, איך האב געמאכט זכותים, איך ווייס, איך האב געטון... ווען א מענטש פילט זיך אזוי גליקלעך, נעמט מען א גלעזל וויין אינטערן חופה, און מען זאגט: חתן כלה, זייטס מטשטש די מח, גיבסט ענק איבער בידו של הקב"ה. האסט געהאט א קינד? מאכסט א שמחה? מאכסט א ברית? נעם א גלעזל וויין, זיי מטשטש די מח!

וועגן דעם, אפילו יום כיפור מאכט מען א ברכה אויפן וויין ביי א ברית, כאטש מען קען עס נישט טרינקן. מען קען נישט צוגיין צום ברית מיט 'כוחי ועוצם ידי'! אונז דארף מען האבן די וויין. די וויין דארף זאגן: ניין ניין, רבוש"ע, איך האב נישט קיין מח, איך בין נישט דא, איך בין כולו בידך! יישר כח אייבערשטער! איך דאנק דער אייבערשטער, איך בין מיך מבטל מיינע רצונות צו די רצון ה' - עס איז א רעיון נפלא מאוד.

## געדענקן מיר באלאנגן נישט צווישן די גוים

דער חפץ חיים פרעגט א קשיא: משה רבינו האט געהאט צוויי זון, דער ערשטער האט געהייסן גרשום, און דער צווייטער האט געהייסן אליעזר. גרשום, ווייל ער איז געווען א גר בארץ נכריה, אליעזר, אלקי אבי בעזרי ויצליני מחרב פרעה. וועלכע איז געווען ערשט? אליעזר! נא, פארוואס האט ער געגעבן פאר דעם עלטסטן זון גרשום?

נאר וואס דען? זאגט ער אזוי: משה רבינו איז אנגעקומען צווישן די אומות

העולם, צווישן די גוים אין מדין, ער איז נישט געווען צווישן די אידן אין מצרים, ער איז נישט געווען אין זיין משפחה, ער איז נישט געווען צווישן כלל ישראל. האט ער געגעבן די ערשטע קינד א נאמען גרשום, ער זאל געדענקן יעדן טאג, גר הייתי בארץ נכריה, איך באלאנג נישט דא. און נאכדעם האט ער געגעבן אלקי אבי בעזרי. ווייל טאמער וואלט ער פארגעסן אז ער באלאנגט נישט דא, וואלט ער נישט געזאגט אלקי אבי בעזרי. דער גרשום האט גורם געווען, ער זאל זאגן דעם אליעזר, דעם אלקי אבי בעזרי, דאס האט אים געהיטן ער זאל זיך קענען האלטן אויפן פלאץ פון אליעזר! הפלא ופלא'דיגע ווערטער!

## נישט קיין חמץ און אוודאי נישט קיין כעס!

עס איז געווען אין ירושלים, אין די אמאליגע צייטן, איינע פון די גרויסע מורה הוראות, ער האט געהייסן רבי מיכל'ע הורוויץ זצ"ל. פארציילט מען א מורא'דיגע מעשה. א מיידעלע פון ירושלים איז געקומען צו אים אין די טאג פון בדיקת חמץ צו פרעגן א שאלה. ווען די מיידל איז אריינגעקומען, האט זי זיך זייער געוואונדערט, אז זי האט געזען ביים רב אין שטוב איז נאך דא חמץ, מען דערקענט בכלל נישט די פסח'דיגע אנגעצויגנקייט. זי איז געשטאנען ממש געפלעפט!

דער רב הרב הורוויץ האט דאס באמערקט, האט ער איר געזאגט: זאלסטו וויסן, אלע הכנת פון פסח זענען זייער חשוב, אבער עס האט א תנאי, אז עס ברענגט נישט כעס! כעס איז כאילו עובד עבודה זרה. און אזויווי זיין רביצין איז נישט אזוי געזונט, און טאמער וועט ער זיך שטארק שטעלן אויף די אלע חומרות פון פסח'דיג מאכן, וועט אויסקומען, אז זי וועט ווערן אין כעס, און עס וועט שאטן פאר איר געזונט. ממילא, איז ער מקיים די הלכה פון אויסרוימען די חמץ פשוטערהייט, אן קיין שום חומרות.

וואס הייסט? פארן זמן בדיקת חמץ, גייט ער נעמען א בעזים, און ער גייט גוט אויפקערן די הויז, און ער גייט איבערקוקן אלע פלעצער וואו עס איז דא חמץ, און ער גייט עס ארויסנעמען, און ער גייט נעמען דאס לעכטל, און ארומגיין אין די אלע צימערן, און זוכן צו עס איז דא דארט חמץ, און מיט דעם איז ער מקיים די מצוה פון ביעור חמץ.

און ער האט צוגעלייגט פאר די מיידעלע און געזאגט: און אזוי וועלן מיר בעזר השם אריינגיין אינעם הייליגן יום טוב פסח בשמחה ובטוב לבב, און אונז וועלן חס ושלום נישט ארייננעמען אין אונזער הויז לכבוד פסח, די שרעקעדיגע עבירה פון כעס, פון אויפרעגעניש, און אוודאי נישט קיין מחלוקת, און אוודאי נישט אונטערדרוקן מענטשן!

עס איז דא א לאו אין די תורה פון 'לא תרדה בו בפרך', וואס דער שערי תשובה שרייבט אויף דעם, אז אפילו בעטן א טובה פון א מענטש, און יענער קען דיר נישט אפזאגן די טובה, איז מען עובר אויף די לאו פון לא תרדה בו בפרך, מען טאר זיך נישט באנוצן מיט מענטשן אויף א וועג ווי יענער טוט פאר דיר אן ארבעט

וי אן עבד, וואס אפילו אן עבד עברי טאר מען נישט אויף אן אופן מען ארבעט מיט אים בפרך, מיט שווערע געצווינגענע ארבעט - אזוי זאגט די תורה, לא תרדה בו בפרך! און אוודאי איז דאס נישט געווען די רצון פונעם בורא יתב"ש, אז די יום טוב פסח זאל אונטערדרוקן מענטשן, און צעברעכן מענטשן, און ברענגן טרערן פאר מענטשן, און הארץ ווייטאג און שלאף-לאזע נעכט ח"ו ח"ו, עס איז נישט דא אזא מצוה אין די תורה!

עס שטייט פונעם אר"י הק', אז יעדע אנגעשטרענגקייט און יעדע שוויצן וואס א מענטש שוויצט לכבוד דעם, וואס ער גרייט זיך צו אויף יום טוב פסח, ארויסנעמען די חמץ און אריינברענגען די מצה, איז ער זוכה מיט דעם אויף כפרת עוונות. יעצט, לאמיר טראכטן: וויאזוי קען מען מיט עבירות זוכה זיין צו כפרת עוונות? עס איז דאך א מצוה הבא בעבירה? אלא מאי, די תורה וויל, זאלסט טון מצוות דורך מצוות, און עס איז נישט דא קיין שום מצוה אין די תורה, וואס באטרעפט יסורים פאר אונדערע אידן, וואס באטרעפט יסורים פאר די מענטש אליין, וואס מאכט דאגות, וואס מאכט יאוש, וואס מאכט פארלוירנקייט ח"ו. אונזער תורה האט נישט אזעלכע מצוות!

און אזויווי רבי חיים פלאגי שרייבט, אז וויאזוי א מענטש פירט זיך אויף ערב פסח און אום פסח צו זיינע שטוב מענטשן, אזוי וועט מען זיך אויפפירן צו דער מענטש דורכן יאר, מדה כנגד מידה. איר הערט אידן?! דער הייליגער באשעפער האט אונז געגעבן א יום טוב פסח, און ער האט געזאגט: איך געב דיר די מצוה, אבער געדענק! וויאזוי דו פירסט זיך אויף צו דיינע מענטשן מיט די מצוה, אזוי וועט מען זיך אויפפירן צו דיר א גאנצער יאר!

יעצט לאמיר טראכטן: וויאזוי וויל מיר אונז אז דער הייליגער באשעפער זאל זיך אויפפירן א גאנצע יאר? פרייליך און לעכטיג! מיט השפעות און אלע גוטע זאכן! אונז זאל מיר האבן א לעבן אן קיין דאגות! און אונז זאל מיר האבן א לעבן מיט מנוחה ושמחה, אהבה אחוה שלום וריעות! - טו אזוי צוגרייטן דעם יום טוב פסח! אזוי רוים ארויס די חמץ, און אזוי ברענג אריין דעם פסח! וועסט דאך האבן אזא לעכטיג גליקלעך יאר, א מחיה, עס לוינט זיך ב"ה!

מען זאגט איבער פונעם הייליגן קדושת לוי פון בארדיטשוב, אז דורך די עבודת הכנה לפסח, קען מען זוכה זיין צו רוח הקודש. נו? וואס טוט דער יצר הרע? ער האט דאך מורא געהאט אז די גאנצע כלל ישראל וועט דאך ווערן בעלי רוח הקודש... ברענגט ער אריין כעס און שרייען און אויפרעגעניש, כדי דער מענטש זאל נישט זוכה זין צו די רוח הקודש, וואס מען קען זוכה זיין, דורך די הכנות צו יום טוב פסח.

## קול פנים מאירות

ארה"ב: 845-414-0076 / ענגלאנד: 0330-350-3190 // ארה"ק: 0-72-370-1823 / ארגענטינע: 54-15-246-0460 // אנטווערפן: 323-346-0673

צו ערהאלטן דעם גליון אדער אנדערע גליונות פונעם מערכת רופט אויף איינע פון די נומערן

און דרוקט קנעפל 99 אדער שיקט צו: gilyonospm@gmail.com

# הדרכה פארן סדר נאכט אין קורצן

## וואס דארף מען אויפטון אינעם סדר נאכט פאר די קינדער, אין קורצן?

די תשובה אויף דעם איז:

**א.** כל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח. מען דארף פארציילן פאר די קינדער יציאת מצרים. עס איז געווען א רשע מרושע, א קליפה טמיאה, א שלעכטע קעניג פרעה, וואס האט אונטערדרוקט כלל ישראל, ער האט געוואלט אז אידישע קינדער זאלן זינדיגן, מען זאל נישט זיין דבוק אינעם אייבערשטער. און דער הייליגער באשעפער האט געמאכט א גרויסע נס, און מיר זענען ארויסגעגאנגן פון מצרים מיט אותות ומופתים. און אידישע קינדער זענען אריינגעגאנגן אין א מדבר, וואו עס איז נישט דא קיין עסן, קיין טרינקן, און קיין קליידונג. נישט קיין הייזער און קיין געשעפטן (מען זאל עס גוט מסביר זיין).

אבער מען האט געלעבט מיט אמונה פשוטה, אז דער הייליגער באשעפער געבט אונז אלעס, און ער זארגט פאר אלעס, און דער הייליגער באשעפער פירט די גאנצע וועלט, און ער האט ליב אידישע קינדער, זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולותיך, לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה, און אונז האבן מקבל געווען די תורה הקדושה, און מיר זענען געווארן אן עם ישראל, אן עם סגולה.

**ב.** און מען דארף מאריך זיין אין דעם און ארויסברענגען פאר די קידערלעך: שטענדיג איז דא פרעה'ס אויף די וועלט, און שטענדיג איז דא דער באשעפער וואס לייזט אונז אויס פון די אלע פרעה'ס.

**ג.** און מען דארף אריינברענגען די אידישע שטאלץ פון זיין א איד. די אידישע שטאלץ פון נישט נתפעל ווערן פון די קליפה'ס, פון די אומת העולם, פון די נסיונות העולם.

**ד.** אריינברענגען אין די קינדער א שמחה צו זין א איד, א געשמאק צו זיין א איד.

**ה.** מאריך זיין אין די ענין פון אמונה פשוטה. ברענגען מעשיות פון די אלע גזירות וואס איז געווען ביים כלל ישראל, און וויאזוי דער הייליגער באשעפער האט אונז אויסגעלייזט פון די אלע גזירות.

**ו.** אריינברענגען אן אמונה אין די ביאת הגואל, אין ביאת המשיח. אריינברענגען אין די קינדער די אמונה פשוטה אז משיח קומט שוין, און דאס איז אונזער האפענונג יעדע מינוט און יעדע רגע.

**ז.** מען דארף אריינלייגן אין די קינדער דאס ענין פון אמונה און בטחון, פון דאנקן און לויבן דעם הייליגן באשעפער אויף יעדע מצב. דער אייבערשטער איז מיט אונז. דער הייליגער באשעפער האט אונז ליב. און ארויסברענגען ווי שטארק מיר האבן ליב דעם הייליגן באשעפער, בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודיך.

**ח.** מען דארף אויך אריינברענגען אין די קינדער, די לעבטיגקייט פון די ימים טובים, פון שבתים. רעדן צו די קינדער פון די לעבטיגקייט, פון די שיינקייט, פון די תרי"ג מצוות, פון מנהגים און פון מסורה. אריינלייגן אין די קינדערליך, תורה איז משמח. די שענסטע און די גליקליכסטע מענשן אויף די וועלט, זענען אונז, אידישע קינדער. אריינלייגן אין די קינדער, אז תורה איז נישט קיין עול, עס איז א עול פון חירות. און מסביר זיין פאר די קינדער: אונז זענען טאקע בני חורין, פריי, אבער פריי פון די יצר הרע, פריי פון די אומות העולם, מיר זענען אבער משועבד צו עבודת השם, כי עבדי הם ולא עבדים לעבדים. מיר זענען דעם הייליגן באשעפער'ס עבדים, און דער הייליגער באשעפער'ס קינדער.

און מאכן זיכער אז די קינדער קומען ארויס פון די סדר נאכט מיט א געוואלדיגע אידישע שטאלץ, אינעם שם לשון און מלבוש, אז מען זאל זיך נישט שעמען מיט די אידישע נאמען, מען זאל זיין שטאלץ דערמיט. מען זאל רעדן די אידישע שפראך. און מען זאל גיין אנגעטון ווי א איד, און מען זאל צעשפרייטן אידישקייט. יעדע זאך וואס מיר טוען, דארף ארויסקומען דערפון א כבוד שמים, אן השראת השכינה.

**ט.** אריינברענגען אין די קינדער די אמונה אין שכר ועונש.

**י.** מרבה זיין מיט דערציילן די ניסים וואס דער הייליגער באשעפער טוט פון יציאת מצרים עד היום הזה. און אויסרעכנען מיט די קינדער די גרויסע ניסים וואס אונזער משפחה האט געהאט. און מאכן די קינדער ארויסזאגן מיט די מויל 'דער אייבערשטער איז גוט. די תורה איז גוט. מיר זענען אן עם סגולה, מיר זענען אן עם חכם ונבון, מיר זענען קלוגע מענטשן'.

**י"א.** ארויסברענגען פאר די קינדער, די שיינקייט פון היטן די תורה, פון הארעווען אויף די מידות, פון הארעווען אויף שמירת עינים, אויף קדושה, אויף טהרת הדיבור, אויף טהרת המחשבה. די מערסטע וואס מען קען, לויט די גיל פון די קינדער.

**י"ב.** איינע פון די וויכטיגסטע זאכן פון די סדר נאכט איז, אז די קינדער זאלן זען ביים טאטען ווען ער זאגט די הגדה, א קדושה, אן ערנסקייט, און א געוואלדיגע התרגשות, א שמחה און א דערהויבנקייט, און א געשמאק. יאג נישט, זיי נישט אויפגערעגט, א פרייליכע זיסע אידישקייט, אנגעפילט מיט אמונה פשוטה און הרגישים פון קדושה, אז די קינדער זאלן פשוט שפירן גליקלעך ביי זיך, אז מען איז א איד, גליקלעך מיט די תורה, גליקלעך מיטן הייליגן באשעפער. און זיי זאלן זיך בענקן צו אידישקייט, צו תורה עבודה ויראת שמים. מיט א געוואלד אמונה פשוטה.

דאס איז די עיקר פון די סדר נאכט.



פנים מאירות

# פרקי חינוך

איבערגעגעבן מיט א קלארקייט דורך כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## פרק ל"ו [חלק ה']

## יסוד ג: ברא כרעיה דאבוה

**הנושא: זיי מסביר פארן קינד אז דיין מיינונג איז זיין מיינונג, און ער האט נאכנישט קיין זעלבסשטענדיגקייט, אויף אן אופן וואס דאס קינד זאל דאס פארשטיין**

### קינדער שפירן זיך זעלבסשטענדיג

עלטערן מוטשענען זיך זייער שטארק. א קינד זאגט: 'איך וויל קויפן' 'איך וויל גיין' 'איך וויל קומען'... ער פרעגט דיר אפילו נישט דיין מיינונג, ער וויל אפילו נישט הערן דיין מיינונג, ער פרעגט דיר נאר, ווייל ער וויל דו זאלסט אים ענטפערן, וואס ער וויל דו זאלסט אים ענטפערן... עלטערן מושטענען זיך זייער שטארק מיט דעם, עס טוט זייער וויי. וואס איז די עצה אויף דעם פראבלעם אין חינוך?

### אפשטעלן אויפן פלאץ - קיין מהלך

די תשובה אויף דעם איז, די זעלבע זאך ווי מיר האבן שוין פריער אויסגעשמועסט, אז שרייען און זיי אפשטעלן אויפן פלאץ, דאס ארבעט נישט. ווען א קינד וויל עפעס, איז ער אנגעצויגן, ער וויל עס, און ער וויל עס וועלן, און ער חליש'ט דערויף - יא! ער איז טאקע נישט דא דיך צו פרעגן יעצט!... ער איז נישט דא דיך אויסצוהערן! אפילו מיט שרייען, מיט סטראשענען, מיט אוועקמאכן - גייט גארנישט געשען. דאס איז נישט חינוך לאורך הדרך.

### זיי כסדר מסביר פארן קינד אז זיין שטאנד יעצט איז צו זיין א מקבל פון די מחנכים

די ערשטע זאך דארפן מיר - עלטערן, און מחנכים און מחנכות - זיך כסדר אראפזעצן מיט אונזערע קינדער, און ארויסברענגען און מסביר זיין פאר די קינדער, וואס עס איז זייער שטאנד אין די וועלט.

זייער שטאנד אין די וועלט איז: צו זיין 'מקבלים פון מחנכים'.

דאס מוז מען זיי געבן צו פארשטיין. ווען א קינד קומט זאגן 'איך וויל גיין'. זאגט מען פארן קינד: איך פארשטיי אז דו ווילסט, און איך פריי מיך אז דו האסט א גוטע קאפ און דו ווילסט, און דו טראכסט, ב"ה! דו ביסט חשוב אין מיינע אויגן! אבער דו מוזט פארשטיין, דו ביסט יעצט אין חינוך.

און מען קען דאס געבן צו פארשטיין פאר אונזערע קינדער. פונקט אזויווי, להבדיל אלף אלפי הבדלות, מען קען מסביר זיין פאר א קינד 'דו ביסט יעצט אין א דאקטערס אפיס, דו קענסט דאס נישט טון'... 'דו ביסט יעצט ביי יענעם אין שטוב, דו קענסט דאס נישט טון'... 'דו ביסט יעצט אויף א פלאץ, און מען טוט דאס נישט'... ווען מען גייט צו א רב, צו א רבי, ווען מען גייט אין בית מדרש, וואו מען גייט נאר אין די פרעמד, אלע עלטערן האבן א געוויסע שפראך צו די קינדער, און זיי זאגן פאר די קינדער: 'אה! דו ביסט יעצט אין די פלאץ, דא קען מען נישט!!!"...

אינדערהיים, אין די מוסד, האבן מיר די זעלבע שפראך.

מיר קענען רעדן צום קינד, און אים מסביר זיין: "דו ביסט יעצט אין א פלאץ, וואס עס רופט זיך: דו דארפסט ווערן מחונך. אונזער פאזיציע איז, צו זיין מחנכים. מיין טייער קינד, דו מוזט דאס פארשטיין. דאס איז די ערשטע זאך. איך קען נישט פון דיר נעמען חינוך, און דו ביסט מחויב צו נעמען חינוך, ווייל אזוי שטייט אין די תורה, און דאס איז די רצון השם, און אזוי האט די וועלט א קיום. ווען קינדער זאלן ווען טון אלעס וואס זיי ווילן, וואלט די וועלט חרוב געגאנגן".

## 'איך' בין 'דיר'

און נאכדעם זאג פארן קינד: "מיר זענען דא צו טראכטן פאר דיר. עס איז נישט, איך טאטע זאג ניין, און דו קינד זאגסט יא. איך מאמע זאג ניין, און דו קינד זאגסט יא. איך מחנך זאג ניין, און דו קינד זאגסט יא. נאר אזוי ווי, איך האב די חיוב חינוך, זאלסטו וויסן: 'איך' בין 'דיר'! ווען איך זאג ניין, זאגסטו ניין! דו ביסט יעצט אין מיין מח. ווייל דער אייבערשטער האט אזוי באשאפן די וועלט אז אין דיין יארגאנג, דארפסטו אריינקומען אין מיין מח, און וואס איך זאג, איז וואס דו זאגסט, ווייל דו קענסט נאכנישט מאכן קיין החלטות".

און מען קען עס נאכמער מסביר זיין פארן קינד, און אים זאגן: "מיין טייער קינד! לאמיר צוזאמען אריינטראכטן. לאמיר זאגן, חלילה וחלילה, עס גייט דיר אמאל זייער וויי טון דיין פיס - יסורים נוראים! מען וועט אריבערגיין צו א דאקטער, און דער דאקטער וועט אונז ערקלערן, לויט זייןברייטן פארשטאנד, וואס די ווייטאג איז, און וואס מען דארף טון דערצו. לאמיר טראכטן, וואס וועט זיין, אויב דו וועסט זאגן פארן דאקטאר: 'דאקטאר טייערער!ביידע שטימען נישט. נישט דאס איז די ווייטאג, און נישט דאס דארף מען טון דערצו!'... וואס וועט דער דאקטאר זאגן אויף דיר?! דער דאקטאר וועט זאגן: 'די קינד איז נישט קיין בר דעת'. אמת מיין טייער קינד?".

"ווען מען גייט צו א דאקטאר, פארשטייסטו, ער האט געלערנט דאקטעריי, דו נישט. ער זאגט וואס טוט וויי, און ער זאגט וואס צו טון, און דו גייסט זיך לאזן פון אים, ווייל דו ווילסט עס זאל מער נישט וויי טון?!".

"די זעלבע זאך מיין קינד, דו ווייסט אויך נישט וואו עס איז גוט צו גיין, וואס עס איז גוט צו האבן, וואס יא און וואס נישט - איך טראכט פאר דיר! דער דאקטאר וויל דיר העלפן, ער טראכט פאר דיר, ווייל דו קענסט נישט טראכטן. איך - מיין קינד - טראכט פאר דיר! מיין קאפ איז דיין קאפ, נאר מיין קאפ איז מיט אזויפיל יאר עלטער, און איך טראכט פאר דיר".

"איי וועסטו פרעגן: 'איינער וואס איז פערציג יאר, קען נישט טראכטן פאר איינער וואס איז פינף יאר?!'... די תשובה אויף דעם איז: אין די תורה שטייט אז מען קען יא! די תורה האט אוועקגעשטעלט, אז עלטערע זענען מחנך די יונגערע, איז פשט אז איך ווייס וואס א פיר פינף זעקס... אכטצן יעריגע דארף. איך ווייס יא! ווייל די תורה האט מיר געגעבן די ארבעט; די תפקיד, די מצוה - איז א סימן, אז איך ווייס! איך טראכט נישט אנדערש ווי דיר, איך טראכט פאר דיר. מיין קאפ איז דיין קאפ - מיין טייער קינד!".

דאס זאגט מען מיט ווארימקייט און מיט שטארקייט. ווען א קינד בעט עפעס וואס מען וויל באמת נישט נאכגעבן, זאגט מען עס מיט ווארימקייט און מיט שטארקייט.

## ענדיג די שמועס מיט א שטארקייט

און נאכדעם וואס מען האט עס מסביר געווען פארן קינד, מיט א ווארימקייט און שטארקייט, ענדיגט מען צו דעם שמועס, און מען זאגט פארן קינד: "מיין קינד, פון דעם רעדט מען מער נישט! איך האב דיר עס קלאר מסביר געווען, דו האסט פארשטאנען (באמערקט: מיר זאגן פארן קינד וואס מיר ווילן ער זאל טראכטן), דו ביסט א קלוג קינד, דו ביסט א פארשטענדליך קינד, און דו ווייסט אויך ווי ווארים דיין טאטע איז צו דיר, ווי ווארים דיין מחנך איז צו דיר, ווי שטארק אונז האבן דיר ליב, ווי שטארק אונז שעץ מיר דיר. ממילא, מיין קאפ האט געטראכט וואס עס איז גוט פאר דיר, איך בין יעצט דיין קאפ. איך פאר מיר וואלט עס נישט געטון, ממילא זאג איך דיר, טו עס נישט, ווייל איך בין יעצט דיך, און איך וויל עס נישט טון! ווען דו וואלסט ווען געהאט די קאפ וואס איך האב, וואלסטו אויך אזוי פארשטאנען. אבער דער אייבערשטער האט דיר עס נאכנישט געגעבן, ווייל דו ביסט נאכנישט אין די יארגאנג, אבער - ניין איז ניין!".

און מער האט מען נישט קיין שמועס דערין. עס איז אראפ פון טיש, עס קומט אפילו נישט אפיר!

**אי"ה אין קומענדיגן גליון וועלן מיר ממשיך זיין מיט דעם שיעור חינוך – די שיעורי חינוך קען מען הערן אויף קנעפל: 25**